**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע סטעיט אנווייזונגען פאר געזעץ אינפארסירונג אגענטורן ביים זיך אפרופן צו משפחה אינצידענטן**

***פאליסי מוסטער לייגט אויס רעקאמענדירטע סטאנדארטן און פראצעדורן פאר פאליציי אפיצירן און סופערווייזארס וועלכע רעכענען זיך מיט טראומע און זענען צענטרירט ארום איבערלעבער אויף א וועג וואס פארמערט זיכערהייט פון קרבנות און אפיצירן, פארבינדט מענטשן מיט סערוויסעס און שטיצע און היט אויף באווייזן פון א פארברעך, צווישן אנדערע נושאים***

***גאווערנער האקול פארזיכערט 1 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו ווייטער אויסברייטערן ניו יארק סטעיט'ס 'רויטע פאן געזעץ' אין מצבים פון געוואלדטאטן אינדערהיים אדער באזירט אויף דזשענדער***

***גאווערנער האקול שרייבט אונטער משפחה אביוז פארמיידונג בילס ביי באגעגעניש מיט איבערלעבער אין אלבאני; בילדער פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט נייע סטעיט אנווייזונגען פאר פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס ביים זיך אפרופן צו משפחה אינצידענטן. די [סטעיט'ס פאליסי מוסטער פאר געזעץ אינפארסירונג פון משפחה אינצידענטן]() לייגט אויס רעקאמענדירטע סטאנדארטן און פראצעדורן פאר פאליציי אפיצירן און סופערווייזארס צו נאכפאלגן וועלכע רעכענען זיך מיט טראומע און זענען צענטרירט ארום איבערלעבער, מיט די ציהל פון פארמערן זיכערהייט פון קרבנות און אפיצירן, פארבינדן מענטשן מיט סערוויסעס און שטיצע און היטן אויף באווייזן פון א פארברעך, צווישן אנדערע נושאים. די גאווערנער האט אויך פארזיכערט 1 מיליאן דאלאר צו ווייטער אויסברייטערן די באנוץ מיט [די סטעיט'ס 'רויטע פאן געזעץ' (Red Flag Law)]() אין מצבים פון געוואלדטאטן אינדערהיים צווישן מאן און ווייב אדער געוואלדטאטן וואס האבן צו טוהן מיט די דזשענדער פונעם קורבן (דאס זיין א פרוי אדער מאן) דורכן גיבן טרענירונג און טעכנישע הילף פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס כדי זיי זאלן האבן די כלים צו ארויסבאקומען די מעגליך לעבנס-ראטעווענדע גערינטליכע באפעלן צו אוועקנעמען א וואפן פון איינעם. גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן צוויי נייע בילס, S.5935/A.5040 און S.5915/A.5347, געזעצן וועלכע באציהען זיך צו משפחה אביוז פארמיידונג, דורכאויס א שמועס מיט איבערלעבער אין אלבאני.

"איך בין פארפליכטעט צו פירן אן אדמיניסטראציע וואס באהאנדלט איבערלעבער מיט כבוד און רעספעקט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס איז פערזענליך צו מיר: מיין מאמע איז געווען א לעבנסלענגליכע שתדלן'טע פאר קרבנות פון משפחה אביוז, און אונזער פאמיליע האט געגרונדעט א היים פאר איבערלעבער זיך צו ציטוויייליג אויפהאלטן אין מערב ניו יארק. די שריט בויען ארויף אויף מיין אדמיניסטראציע'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו העלפן איבערלעבער און זיי צושטעלן די מיטלען, שטיצע און אינפארמאציע וואס זיי דארפן זיך צו ערהוילן און זיך צוריק אויפבויען."

די סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָוועוס, און די CEO פון Safe Horizon (זיכערע האריזאנט), ליז ראבערטס, האבן זיך אנגעשלאסן מיט גאווערנער האקול ביי די שמועס וואו אינפארמאציע איז אויסגעהערט געווארן וועלכע וועלן גענומען ווערן אין באטראכט ביים אויספארעמען איר אדמיניסטראציע'ס צוקונפטיגע פאליסיס צו אדרעסירן אביוז אינדערהיים און דזשענדער-באזירטע אביוז. די ציהל איז צו ארויפבויען אויף די גאווערנער'ס אוועקשטעלונג פון א נייע בויגזאמע פינאנצירונג שטרוים פאר איבערלעבער הילפס-מיטלען אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, וואס האט אויך אריינגערעכנט 5 מיליאן דאלאר אין לאקאלע הילף פינאנצירונג פאר די OPDV צו צושטעלן דירעקטע פינאנציעלע הילף פאר קרבנות און איבערלעבער פון משפחה אביוז. דער חודש אקטאבער איז באצייכנט געווארן אין ניו יארק סטעיט און אין דאס לאנד אלס 'משפחה אביוז אויפמערקזאמקייט חודש'.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָוועוס, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז איבערגעגעבן צו ארבעטן צוזאמען צו צושטעלן די נויטיגע הילפס-מיטלען פאר איבערלעבער פון משפחה אביוז. מיר קענען דאס נישט טוהן אנעם רעדן דירעקט מיט די עקספערטן — די איבערלעבער. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פארן דאס אנערקענען און פארן אוועקגעבן די צייט זיך צו באמת איינהערן. איך קוק ארויס צו פארזעצן די שמועס מיט איבערלעבער און סערוויס פּראָוויידערס אריבער ניו יארק סטעיט און צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו אוועקשטעלן פאליסיס וואס ווערן אויסגעפארעמט נאכן זיך איינהערן צו איבערלעבער פאר די סטעיט אָוו ניו יארק."

**CEO פון Safe Horizon, ליז ראבערטס, האט געזאגט,** "ביי Safe Horizon – די לאנד'ס-גרעסטע נאָן-פּראָפיט קרבנות הילף ארגאניזאציע – ווייסן מיר צו גוט וויאזוי די באגעגעניש פון גאן פארברעכן מיט משפחה אביוז פירט אזוי אפט צו טראגעדיעס. אויב מיר ווילן באמת אויספלאסטערן וועגן צו זיכערהייט פאר ניו יארקער וועלכע זענען אין סכנה פון אזעלכע און אנדערע פארברעכנס, וועט דאס פאדערן פון אונז אלע – די רעגירונג און די קרבנות סערוויסעס פראוויידערס – צו ארבעטן צוזאמען צו האלטן פאמיליעס זיכער. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער קעטי האקול און פאר איר מאנשאפט פארן מאכן די שטימעס פון איבערלעבער דערהערט ווערן און פארן פארשפרעכן צו טוהן אלעס וואס זיי קענען צו מאכן ניו יארק פאר א לייכטורעם פון זיכערהייט און היילונג."

גאווערנער האקול האט דראמאטיש אויסגעברייטערט די באנוץ מיט די סטעיט'ס 'רויטע פאן' געזעץ נאכפאלגנדיג די 2022 ראסיסטישע מארד ביי די Tops Supermarket אין באפעלאו. אויך באקאנט אלס די 'עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעל' (Extreme Risk Protection Order, ERPO) געזעץ, איז דער געזעץ געווידמעט צו פארמיידן מענטשן וועלכע ווייזן סימנים אז זיי שטעלן א סכנה פאר זיך און אנדערע פון קויפן אדער באזיצן סיי וועלכע סארט הייסע געווער, אוועקשטעלנדיג אויך די פראצעדוראלע מאסנאמען צו זיכער מאכן אז א וואפן ווערט נישט אוועקגענומען אומבארעכטיגט.

די נייע 1 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט פינאנצירן טרעינירונג און טעכנישע הילף פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס כדי זיי זאלן קענען ארויסהעלפן מענטשן וועלכע וועלן מעגליך דארפן פארלאנגען ERPO באפעלן – פאמיליע מיטגלידער, שולע איינגעשטעלטע און געזונטהייט און גייסטישע געזונטהייט קעיר פּראָוויידערס, צווישן אנדערע – צו קענען אויפכאפן די סארט אויפפירונג וואס שטעלט אן עקסטרעמע ריזיקע און אזוי אויך וויאזוי צו דורכגיין דעם געריכטליכן פראצעדור כדי צו נאך מער פארמערן די באנוץ מיט דעם קריטישן פובליק זיכערהייט געזעץ. די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) און OPDV וועלן ארבעטן מיט די סטעיט'ס 10 'משפחה אביוז ראיאנישע קאונסילס' (Domestic Violence Regional Councils) צו איינפירן די אינציאטיוו.

די נייע משפחה אינצידענטן מוסטער פּאָליסי פאר געזעץ אינפאָרסירונג אדרעסירט באדייטנדע ענדערונגען אין געזעץ אינפאָרסירונג פּאָליסיס און שיטות וועלכע זענען געמאכט געווארן זינט די סטעיט האט צום ערשט ארויסגעגעבן אנווייזונגען אין 2010, און אזוי אויך האט די נייע נוסח מער פארשטאנד איבער די השפעות פון טראומע, די וויכטיגקייט פון שאצן אויב א סיטואציע קען ווערן פאטאל ביים זיך אפרופן צו אזעלכע אינצידענטן און די וויכטיגקייט פון לייגן קרבנות און איבערלעבער אין די צענטער פון סיי וועלכע אפרופונג און האלטן מענטשן וועלכע טוהען ווי פאראנטווארטליך פאר זייער אויפפירונג. די סטעיט'ס לאקאלע פאליציי טרענירונג קאונסיל (Municipal Police Training Council) וואס באקומט שטאב מיטגלידער פון די DCJS האט אנגענומען די פאליסי נאכן ארבעטן מיט עקספערטן אין די נושאים פון פאליציי, פון משפחה אביוז פארמיידונג און אפרופונג און אין געזעץ אינפאָרסירונג טרענירונג.

**ניו יאָרק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "משפחה אינצידענטן זענען צווישן די אפטסטע און מערסטע ערנסטע רופן וואס אגענטורן באקומען. די ארומנעמיגע מוסטער פּאָליסי איז געווידמעט צו גיבן פאר די אפיצירן וואס רופן זיך אפ צו די רוף די אינפארמאציע, כלים און מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען עפעקטיווערהייט זיך באגיין מיט די פעלער. איך באדאנק די מיטגלידער פון די לאקאלע פאליציי טרענירונג קאונסיל און מיין מאנשאפט ביי די DCJS פאר זייער ארבעט און איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די פאליציי און די וועג וויאזוי די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם רופט זיך אפ צו קרבנות און איבערלעבער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר קרבנות סערוויסעס (Office for Victim Services) דירעקטארין, עליזאבעט קראָונין, האט געזאגט,** "עס פארלאנגט זיך א געוואלדיגע מאס פון קוראזש פאר איינער וואס געפונט זיך אין א קשר וואו זיי גייען אריבער אביוז זיך צו ווענדן פאר הילף פון די פאליציי. איינמאל זיי נעמען די טריט, קען אפילו בלויז דאס מאכן די רוף פירן צו א געפארפולע סיטואציע צו ווערן נאך מער סכנות'דיג, און דערפאר איז דאס קריטיש וויכטיג אז פאליציי אפיצירן זאלן האבן די בעסטע אינפארמאציע, טרענירונג און סקילס ווען זיי רופן זיך אפ. איך באדאנק די מיטגלידער פון די לאקאלע פאליציי טרענירונג קאונסיל פאר זייער פירערשאפט, און איך מוטיג אלע פאליציי אגענטורן צו אויסנוצן די וויכטיגע אנווייזונגען."

אין צוגאב צום אנאנסירן די קריטישע אנווייזונגען פאר געזעץ אינפאָרסירונג און די געלטער צו אויסברייטערן די באנוץ מיט די סטעיט'ס 'רויטע פאן' געזעצן — האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן די ביל S.5935/A.5040 צו איינפירן דעם "האפענונג קארטל געזעץ" (Hope Card Act) וואס פאראָרדנט די סטעיט אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע (Office of Court Administration) צו אוועקשטעלן א פראגראם צו ארויסגעבן קארטלעך מיט אינפארמאציע איבער די ענדגילטיגע שוץ באפעל (פראטעקשען ארדער) פריי פון אפצאל פאר די מענטשן. דאס וועט שטארקן איבערלעבער און זיי ערמעגליכן צו אינפארסירן זייערע שוץ באפעלן אן דארפן ארומטראגן – און זיך איינשטעלן צו פארלירן – זייערע אפיציעלע קאפיעס. ניו יארק איז די זעקסטע סטעיט צו איינפירן א 'האפענונג קארטל' פראגראם.

**סטעיט סענאטארשע קארדעל קלעיר האט געזאגט,** "צושטעלן פאר איבערלעבער פון משפחה אביוז די סערוויסעס, שוץ, רואיגע געוויסן און האפענונג איז איינס פון אונזערע ערשטע פליכטן. דער האפענונג קארטל געזעץ וועט טוישן א שוץ באפעל פון א לאנגע לעגאלע דאקומענט צו א דינאמישע דויערהאפטיגע קארטל וואס קען גרינגערהייט ארויסגענומען און מיטגעטיילט ווערן צו ערמעגליכן אינפארסירונג און האלטן אונזערע באליבטע פארזיכערט; און מער פון אלעס — פול מיט 'האפענונג'!"

**אסעמבלי מיטגלידערין סערע קלארק האט געזאגט,** "האפענונג קארטלעך שאפן א וועג פאר איבערלעבער צו קענען אויף א געהיימע אופן און שנעלערהייט ווייזן באטרעפנדע איינצלהייטן פון א שוץ באפעל דורכן גיבן קאפיעס פון א מער באקוועמע און נוצבארע ווערסיע צוזאמען מיט די טראדיציאנאלע לאנגע בויגן. האפענונג קארטלעך וועלן גיבן פאר איבערלעבער פון משפחה אביוז מער קאנטראל צו

קענען ווירקזאמערהייט אינפארסירן זייערע שוץ באפעלן און לעבן זייערע לעבנס אין זיכערהייט און רואיקייט. איך בין שטאלץ צו האבן געספאנסארט די ביל אין די אסעמבלי, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר צוזאמענארבעט ביים מאכן ניו יארק פאר די זעקסטע סטעיט צו שטארקן איבערלעבער מיט די וויכטיגע ביל."

די גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן ביל S.5915/A.5347 וואס פאדערט די סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז צו פארשפרייטן אינפארמאטיווע מאטעריאלן איבער עקאנאמישע אביוז. לויט די נאציאנאלע קאאליציע קעגן משפחה אביוז ( National Coalition Against Domestic Violence) האבן מער פון 90 פראצענט פון איבערלעבער פון משפחה אביוז געליטן פון עקאנאמישע אביוז, אבער פילע מענטשן זעהען זיך נישט אלס אזעלכע וועלכע גייען אריבער אביוז אויב זיי ווערן נישט פיזיש ווי געטוהן. אינפארמאטיווע מאטעריאלן פאר קרבנות און איבערלעבער פון משפחה- און דזשענדער-באזירטע אביוז וועלן אריינרעכענען פארבינדונגען צו האוזינג הילפס-מיטלען, לאקאלע סאָושעל סערוויס אפיסעס און מער הילף צו העלפן מענטשן באקומען זיכערהייט און סטאביליטעט.

**סטעיט סענאטארשע קריסטען גאנזאלעז האט געזאגט,** "עקאנאמישע אביוז – פונקט ווי פילע אנדערע צורות פון משפחה אביוז – ווערט פארקוקט און נישט גענוג באריכטעט, און צומאל איז עס שווער צו דערקענט ווערן. דורכן פאדערן די אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז צו פארשפרייטן אינפארמאטיווע מאטעריאלן איבער די פארעם פון משפחה אביוז וואס איז היבש פארשפרייט אין קשרים פון אביוז — וועט די ביל גיבן די כוח פאר איבערלעבער פון עקאנאמישע אביוז צו דערקענען עקאנאמישע אביוז אין אירע פילע צורות און זיי גיבן די כלים וואס זיי דארפן צו טרעפן הילף. מיר באדאנקען די גאווערנער פארן אריינשרייבן די ביל אינעם געזעץ און פארן שטופן פאר אפרופונג צו משפחה אביוז וואס רעכענען זיך מער מיט טראומע."

**אסעמבלי מיטגלידערין לינדע ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "עקאנאמישע אביוז איז אן אומזעהבארע צורה פון אביוז אינדערהיים, מאכנדיג דאס נאך מער וויכטיג אז מיר זאלן שיינען א ליכט אויף די סכנות'דיגע אויספירונג. טראצדעם וואס עס איז וויניגער באקאנט איז עקאנאמישע אביוז זייער פארשפרייט, באטרעפנדיג מער פון 90% פון משפחה אביוז איבערלעבער. ווען א מענטש פרובירט צו אוועקגיין פון א געפארפולע מצב, איז די לעצטע זאך איבער וואס עס קומט זיך אז זיי זאלן זיך דארפן זארגן איז וויאזוי זיי וועלן זיך ערלויבן צו צוריק אויפבויען זייער לעבן אדער אויב זייער קרעדיט איז חרוב געלייגט געווארן דורך זייער אביוזער. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין ביל צו צושטעלן אינפארמאטיווע מאטעריאלן פאר איבערלעבער אריבער די סטעיט כדי זיי זאלן קענען דערקענען עקאנאמישע אביוז און וויסן וואו זיך צו ווענדן פאר הילף."

די מוסטער פאליסי אדרעסירט ענדערונגען אין געזעץ אינפארסירונג שיטות, און ענדערונגען אין די סטעיט געזעצן, אריינרעכענענדיג דעם 'רויטע פאן' געזעץ, און אזוי אויך וועגן וויאזוי געזעץ אינפארסירונג אפרופונג קען זיין מער צענטרריט ארום די איבערלעבער, אריינרעכענענדיג:

- אפשאצן א מצב צו פארשטיין אויב עס קען פאטענציאל ווערן פאטאל פאר א קורבן דורכן זיי אויספרעגן איבער אויב זייער מאן/ווייב אדער פארטנער האט צוטריט צו א וואפן אדער אויב זיי סטראשענען צו זיך צו ווי טוהן אדער צו ווי טוהן אנדערע; אויב עס זענען געווען פאריגע אינצידענטן פון דערשטיקונג; אויב זיי זענען ווי געטוהן געווארן דורכאויסן זיין טראגעדיג; אויב זיי פירן זיך אויף ווי זיי האבן נישט קיין צוטרוי אין די קורבן; און אויב עס זענען דא געוואלדטאטן וואס ווערן ערגער. אין פאל וואס א מענטש ענטפערט "יא" אויף די פראגן, גיבן די אנווייזונגען פאר די אפיצירן דעטאלירטע אינפארמאציע איבער די קומענדיגע שריט וואס זיי זאלן אונטערנעמען, אריינרעכענענדיג זאפארט פארבינדן די קורבן מיט הילף צו מאכן פלענער פאר זייער זיכערהייט דורכן אנרופן א סטעיט אדער לאקאלע משפחה אביוז האטליין אדער אראנזשירן אז אן

אדוואקאט זאל אראפקומען צו די סצענע; אפנעמען באווייזן פון אלע מעגליכע מקורות, צום ביישפיל טעלעפאן רעקארדס, ווידעאו און לייסענס שילד לייענער מאשינען — און נישט בלויז פון די קורבן; און זיך דורכרעדן מיט פראקורירער בעפארן פארלייענען די באשולדיגונגען קעגן א מענטש וואס ווערט אנגעקלאגט אין פארבינדונג מיט די אינצידענט.

- באשטימען אויב עס איז נויטיג צו ארויסבאקומען אן ERPO צו אוועקנעמען סיי וועלכע וואפנס פון די היים אויב דער אנגעבליכער אביוזער שטעלט א סכנה פאר די קורבן, פאר זיך אליין אדער פאר אנדערע. די לאקאלע פאליציי טרענירונג קאונסיל האט אויך א מוסטער פאליסי איבער עקסטרעמע ריזיקע שוץ באפעלן און די DCJS האט דורכגעפירט טרענירונג אויף דעם נושא צו ארויסהעלפן געזעץ אינפארסירונג פראפעסיאנאלן מיטן מאכן די באשלוס און איבער זייערע פליכטן אונטער דעם געזעץ.
- נוצן דעם מענטשן'ס אייגענע ווערטער ביים דאקומענטירן די אינצידענט, אנשטאט מאכן מסקנות: שרייבט "איך קען דאס נישט אונטערשרייבן ווייל אנדערש וועט ער מיך הרג'ענען" אנשטאט פון שילדערן די סטעיטמענט ווי "קורבן האט זיך אפגעזאגט פון קאאפערירן". פאליציי אפיצירן מוזן אויספילן א ניו יארק סטעיט משפחה אינצידענט באריכט, אפגעזעהן פון אויב א פארברעך איז פארגעקומען אדער אויב אן ארעסט איז געמאכט געווארן.
- לאזן וויסן פאר מענטשן איבער קריטישע לעגאלע סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען כדי זיי זאלן קענען ארויסבאקומען שוץ באפעלן און אזוי אויך הילף מיטן האלטן די קינדער ביי זיך און מיט האוזינג, צווישן אנדערע לעגאלע אנגעלעגנהייטן וועלכע קומען ארויס פון דאס זיין א קורבן.
- פארשטיין וויאזוי די השפעות פון טראומע און פון געצווינגענע קאנטראלירונג קענען פירן דערצו אז קרבנות און איבערלעבער פון משפחה אביוז זאלן זיך צווייפלען אויב זיי זאלן זאגן וואס עס האט פאסירט, צו שילדערן די געשעענישן אין אן אומשכל'דיגע סדר און צו מורא האבן פון פיגורן מיט אויטאריטעט אדער אז דאס אריינמישן פאליציי קען זיי אויסשטעלן צו צוקונפטיגע וויטאג.
- דאס באנוץ באַדי קאמעראס וואס קענען אפעקטירן א קורבן'ס ווילינגקייט צו איבערגעבן אינפארמאציע. אויב א קורבן בעהט פון אן אפיציר צו אויפהערן רעקארדירן, זאל די פארלאנג דאקומענטירט ווערן אויפן קאמערא בעפאר די רעקארדירונג ווערט אויסגעלאשן.

פאליציי דעפארטמענטס און שעריף'ס אפיסעס זענען נישט פארלאנגט צו אננעמען די משפחה אינצידענטן מוסטער פאליסי פאר געזעץ אינפארסירונג: עס איז אויסגעשטעלט אז יעדע אגענטור זאל קענען אנטוויקלען זייערע אייגענע פאליסיס און פראצעדורן צו אמבעסטן דינען די אייגנארטיגע באדערפענישן פון זייער קאמיוניטי. אנטוויקלען מוסטער פאליסיס איז א הויפטזעכליכע פליכט פון די לאקאלע פאליציי טרענירונג קאונסיל וואס שטעלט אויך אוועק פאדערונגען פאר געזעצליך-געפאדערטע פאליציי און פרידן אפיצירן פונדאמענטאלע טרענירונג אין ניו יארק סטעיט, און פאליציי און פרידן אפיצירן אינסטראקטער סערטיפיקאציעס, צווישן אנדערע אויפגאבן וואס זיי האבן.

ניו יארק סטעיט'ס משפחה און סעקסועלע אביוז האטליין גיבט אומזיסטע און געהיימע שטיצע 24/7 אין רוב שפראכן: 800-942-6906 (טעלעפאן רופן), 844-997-2121 (טעקסט מעסעדזשעס) אדער @opdv.ny.gov (זיך שרייבן דורך די אינטערנעט). מענטשן קענען אויך באזוכן OVS Resource Connect (הילפס-מיטלען פארבינדונג) צו טרעפן א קרבנות הילף פראגראם אין זייער קאמיוניטי. די אפיס פון קורבנות סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט 239 קורבנות הילף פראגראמען אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו קריטישע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, קעיס מענעדזשמענט, עמערדזשענסי שעלטער, ציווילע לעגאלע הילף און הילף זיך צו אריבערציהען צו א נייע פלאץ – צווישן אנדערע סארטן הילף – פאר קורבנות און איבערלעבער פון משפחה אביוז, סעקסועלע אנגרייף און אנדערע פארברעכנס, ווי אויך פאר זייערע פאמיליעס. די אגענטור שטעלט אויך צו א קריטישע פינאנציעלע זיכערהייט נעץ פאר מענטשן וועלכע האבן נישט קיינע אנדערע מיטלען צו באצאלן פאר אויסגאבן וואס זיי האבן זיך אנגעזאמלט צוליב די פארברעך.

די [ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס](#) איז א פילפאכיגע קרימינאלע יוסטיץ שטיצנדע אגענטור מיט א רייע פאראנטווארטליכקייטן, אריינרעכענענדיג געזעץ אינפארסירונג טרענירונג; זאמלונג און אנאליזירונג פון פארברעכן ציפערן פון איבער די סטעיט; אויפהאלטן קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע און פינגער דרוקן פיילס; אדמיניסטראטיווע אויפזיכט איבער די סטעיט'ס ציפערן באנק פון DNA, אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; פינאנצירונג און אויפזיכט אויף פּראָבעישען און קאמיוניטי טורמע פראגראמען; אנפירן פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ קאסעס; שטיצן קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן איבער די סטעיט; און אנפירן די סטעיט'ס סעקסועלע פארברעכער רעגיסטראר. פאלגט נאך די אגענטור אויף [פעיסבוק](#), [אינסטאגראם](#) און [X (פריער טוויטער)](#).

די [ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז](#) איז דאס לאנד'ס איינציגסטע עקזעקיוטיוו שטאפל סטעיט אגענטור געווידמעט צו די אנגעלעגנהייט פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן. פאַלאָוט די אגענטור אויף [Facebook](#), [Instagram](#) און [X (פלעגט זיין Twitter)](#).

[Safe Horizon](#) איז די לאנד'ס גרעסטע נאָן-פּראַפיט קורבן הילף ארגאניזאציע. אינגאנצן באזירט אין ניו יארק סיטי, אפפערט Safe Horizon אן אפרופונג – וואס צענטרירט זיך ארום די קליענטן, רעכנט זיך מיט טראומע און איז קעגן ראסיזם – פאר 250,000 ניו יארקער יעדעס יאר וועלכע זענען אריבער געוואלדטאטן אדער אביוז.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](#)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](#) | 518.474.8418



[זיך ארויסשרייבן](#)